פרשת דברים-חזון ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון קיד

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

תשעה באב א
עבודה במחשבה ז

# תשעה באב

## באש הצתה ובאש אתה עתיד לבנותה;

אונזערע פערזענליכע נסיונות זענען די כלים צום בנין בית המקדש

ליל תשעה באב תשפ"ג
ביהמ"ד מחנה צאנז - קלויזענבורג, וואודבורן ניו יארק

א

## עמו אנכי בצרה; דאָס באַהאַלטענע געזאַנג וואָס קומט אַרויס פון גלות

### פאַרוואָס זענען די עונשים אַ 'שירה'?

דער פסוק זאָגט אין **מגילת איכה** (א, טו): 'קרא עלי מועד'. תשעה באב ווערט אָנגערופן 'מועד'. אַזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין **שלחן ערוך** (או"ח תקנ"ב, יב) אַז מ'זאָגט נישט קיין תחנון אום תשעה באב, ווייל ס'איז אַ 'מועד'.

אין **מכילתא** שטייט (שמות טו) אַז די פרשה פון 'האזינו' איז איינס פון די צען שירות פון דער תורה. אַזויווי ס'איז דאָ 'שירת הים', 'שירת הבאר' און אַנדערע שירות, **אַזוי איז אויך דאָ די שירת האזינו.** די פרשה פון האזינו רעדט זיך וועגן תוכחה, אַז ווען אידן גייען אַריינגיין קיין ארץ ישראל, וועלן זיי זינדיגן און השי"ת גייט זיי שטראָפן, מיט אַ גאַנצע ליסטע פון עונשים וואָס ווערט דאָרט אויסגערעכנט, ביז אידן וועלן תשובה טון, וכפר אדמתו עמו.

די מפרשים פרעגן, **פאַרוואָס ווערט פרשת האזינו אָנגערופן אַ שירה?!** געוויינליך איז די אָפטייטש פון אַ שירה אַז מ'זינגט שירות ותשבחות פאַר'ן רבוש"ע. אָבער אויב די פסוקים רעדן נאָר וועגן דורכפעלער, עבירות און עונשים, וואָס פאַראַ סאָרט שירה איז דאָס?

### אן אַנדערע בליק אויף גלות

דער הייליגער **רמב"ן** (דברים לב, מ) איז מסביר דאָס ענין, אַז די שירה איז, ווייל ס'איז טאַקע אמת אַז אידן גייען זינדיגן, און ס'איז טאַקע אמת אַז דער רבוש"ע גייט זיי שטראָפן פאַר אַלע עבירות וואָס זיי האָבן געטון, **אָבער 'לא ישבית זכרינו'**. דער רבוש"ע איז מבטיח: איך גיי נישט אויסמעקן אידישע קינדער! אדרבה, **כ'וועל זיי געבן אַלעס וואָס פאָדערט זיך אַז ס'זאָל אויסגעמעקט ווערן זייערע חטאים**, כדי אַז אידן זאָלן קענען צוריקקומען און זוכה זיין צו נצחיות'דיגע קרבת אלקים.

דאָ שטייט אַ מורא'דיגער יסוד **וויאַזוי אָנצוקוקן גלות**, וויאַזוי אָנצוקוקן חורבן, און וויאַזוי אָנצוקוקן עבירות און עונשים וואָס קומען אויף די חטאים.

### שירה ווערט צאַמגעשטעלט פון אַלע ערליי פעלער

דער יסוד ווערט באריכות אויסגעשמועסט אין ספה"ק **ערוגת הבושם** פרשת בשלח, ביי די פסוקים פון שירת הים, לויט דעם כלל וואָס מיר ווייסן, אַז אַ שירה, **אַ ניגון, קען נישט געמאַכט ווערן דורך איין אָדער צוויי נאָטן**. מ'דאַרף שרייבן און צאַמנעמען גאָר אַסאַך נאָטן כדי ס'זאָל ווערן דערפון אַ שיינע מוזיקאַלישע פרעזענטאַציע.

זאָגט דער ערוגת הבשם, אַז די שירה וואָס אידן האָבן געזינגען ביים ים, איז געווען ווען זיי האָבן אָנגעהויבן כאַפּן אַז **אַלע שוועריגקייטן וואָס זיי זענען אַריבער איז אַ חלק פון דעם הערליכן ניגון!** זיי האָבן יעצט פאַרשטאַנען, אַז די קישוי השעבוד אין מצרים; די צרה ווען פרעה האָט געזאָגט 'תכבד העבודה'; די ישועה ווען השי"ת האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים; די נייע צרה ווען פרעה האָט זיי אָנגעהויבן נאָכלויפן; די ענגשאַפט ווען מ'איז געשטאַנען ביים ים נישט וואוסנדיג וויאַזוי ס'גייט קומען אַ ישועה. אָט דאָס אַלעס האָט זיך צאַמגעשטעלט פאַר איין גרויסע געזאַנג.

### די גילוי השכינה ביים ים איז געקומען בלויז אַדאַנק די צרות

ווען אידן זענען דורכגעגאַנגען דעם ים, האָבן זיי זוכה געווען צו אַזאַ הכרה אין דעם רבוש"ע, וואָס מיר האָבן נישט קיין השגה דערינען - **ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל.** אידן האָבן דעמאָלט געוויזן מיט'ן פינגער 'זה קלי ואנוהו', און **חז"ל** דרש'נן (שבת קלג, ב) אַז **'ואנוהו, הוי דומה לו'.** די גמרא לערנט אַרויס פון דאָס וואָרט 'ואנוהו' סיי דער ענין פון הידור מצוה, און סיי דער ענין פון זיך מדמה זיין צו השי"ת, מה הוא רחום אף אתה רחום. די ביידע זאַכן קומט פון אַ פלאַץ וואָס **דער איד איז אַזוי נאָנט צום רבוש"ע אַז ער וויל גאָרנישט, נאר זיין ווי השי"ת.** צו אַזאַ מדריגה זענען אידן אָנגעקומען ווען זיי זענען געשטאַנען ביים ים סוף!

אָבער זיי האָבן דאָס געקענט דערהערן **בלויז נאָכדעם וואָס זיי האָבן צוריקגעקוקט און געזען אַז די אַלע יסורים, די אַלע צער, און אַלע עונשים, האָבן זיך צאַמגעשטעלט**, און פון דאָרט איז אַרויסגעקוועטשט געוואָרן אַזאַ טיפער איד, אַזאַ טיפער חלק הנשמה, וואָס מ'קען גאָרנישט משיג זיין!

### אַז מ'קוקט אויפ'ן גאַנצן בילד ווערט אַ שירה

דער אויבנדערמאַנטער רמב"ן אין פרשת האזינו זאָגט אַז **ביי אונזער גלות שפילט זיך אָפּ די זעלבע זאַך.** ווען מ'קוקט אַריין אין איין פסוק פון פרשת האזינו, שטייט דאָרט געפערליכע עונשים, און מען וואונדערט זיך: **דאָס איז אַ שירה?** מ'זעט וויאַזוי אידן גייען זיך מוטשן מיט פּראָבלעמען ברוחניות און בגשמיות. מ'דאַרף דאך דערויף זיצן אויף דער ערד און וויינען, מ'ווערט אַזוי צעבראָכן און צעשאסן דערפון. **וויאַזוי קען מען דאָס אָנרופן שירה?**

דער תירוץ איז, ווילאַנג מ'קוקט אויף איין זאַך אַליין, זעט מען טאַקע צער מיט עגמת נפש, אָבער **אַז מ'וועט קוקן אויפ'ן גאַנצן בילד, וועט מען זען אַז דאָס איז אַ הערליכע שירה!**

קורא יקר! הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך!

לנדב וליטול חלק בההוצאות המרובות לזכות את הרבים נא לצלצל
718.387.1122 EXT 5

די שירה דאַרף טאַקע געשריבן ווערן 'אריח על גבי לבינה', ס'קען נישט געשריבן ווערן אַזויווי מ'שרייבט געווענליך. נאר איינס דאַרף זיין געשריבן העכער דעם צווייטן ווי טרעפּלעך. ווייל **נאר דעמאָלט, ווען מ'זעט די גאַנצע זאַך ווי אַ בנין, פאַרשטייט מען וואָס דער רבוש"ע האָט געטון צו אונז.** ווי **צדיקים** האָבן געטייטשט דעם פּסוק 'כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך', אַז די זעלבע קרענק וואָס ביי די מצריים ווערט עס אָנגערופן אַ 'מחלה', אָבער **ביי אידישע קינדער איז דאָס אַ מהלך פון 'אני ה' רופאיך'**. דער רבוש"ע האַלט אינמיטן אויסהיילן כלל ישראל, **טאַקע דורך די שוועריגקייטן און די יסורים.** צוזאַמען ווערט דורכדעם געבויעט אַ גאַנצע תורה און אַ נצחיות!

## השי"ת איז גרייט צו ליידן כביכול פאַר אונזער תועלת

נאָכמער: ווען אידישע קינדער גייען דורך די אַלע יסורים אין גלות, **געפינט זיך דער רבוש"ע צוזאַמען מיט אונז אינעם גלות.**

ס'איז דאָ מורא'דיגע לשונות וואָס שטייט אין **מדרש** (פּתיחתא דאיכה רבה, לד) אַז אין גלות איז כביכול השי"ת 'אסור בזיקים', צוגעבינדן מיט קייטעלעך. דער מדרש פאַרציילט אַז ווען אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים האָט דער רבוש"ע געזאָגט פאַר ירמיהו הנביא: "אָדער גייסטו מיט זיי, אָדער וועל איך מיטגיין מיט זיי". האָט ירמיהו געענטפערט: "**רבוש"ע, אויב איך וועל מיטגיין, וואָס קען איך זיי העלפן? זאל ענדערש גיין זייער באַשעפער מיט זיי, וואָס ער קען זיי אַסאַך העלפן**". און אַזוי איז טאַקע געווען. ירמיהו הנביא איז געבליבן מיט די שארית הפּליטה אין ארץ ישראל, און דער רבוש"ע איז מיטגעגאַנגען כביכול מיט אידן אין דעם לאַנגען גלות.

דאָס ברענגט דאָך אַרויס אַזאַ חיזוק פאַר אידישע קינדער, און **מ'דאַרף דאָס גוט דערהערן.** ווען אַ מענטש האָט אַ פּערזענליכע ווייטאָג אין דער משפּחה, אַ צער מיט גידול בנים, אָדער סיי וועלכע אַנדערע צער, האָט השי"ת אַסאַך אַ טיפערע ווייטאָג דערפון.

דער רבוש"ע זאָגט כביכול: "איך בין טאַקע אין אַ געפערליכע צער, יעדע ווייטאָג וואָס אַ איד שפּירט, איז בלויז אַ קליין משהו פון דעם שטאַרקן צער וואָס איך שפּיר, אָבער עס **גייט מיר נישט אן וויפיל צער איך וועל שפּירן. איך וויל ענק אויסהיילן! איך וויל ענק ברענגען צו אַ מצב פון נצחיות!** ווייל וויפיל צער איר גייט יעצט אַריבער, איז עס בלויז פאַר צייטווייליג, **אָבער ס'וועט ברענגען אַן אייביגע הצלחה פאַר'ן איד.**

אפילו אויב דער צער געדויערט אַ יאָר, אָדער ח"ו נאָך לענגערע תקופות, **ווערט דערפון שפּעטער אַ שירה,** ווייל אַזוי בויעט זיך די אמונה און די בטחון פון דעם איד, עס בויעט זיך זיין אינעווייניגסטע פּנימיות מיט אַ דביקות צו השי"ת. דער רבוש"ע זאָגט: **אויב דיין פּנימיות גייט ווערן געבויעט, וועסטו ווערן אַ נצחיות'דיגער מענטש!** דיין נשמה גייט קענען זיין דבוק צום רבוש"ע לעולמי עולמים. אויב אַזוי וועל איך נישט צוריקהאַלטן קיין שום ענין וואָס גייט ענק אויסהיילן, אפילו אויב דאָס טוט מיר אַליין אַזוי שטאַרק וויי.

## די צער השכינה פאַר אידישע קינדער

די אמת'ע רחמנות געפיל פון אַ מאַמע פאַר איר קינד איז: **איך דאַרף גאָרנישט פאַר מיר. איך געב אַלעס אַוועק פאַר דיר.** איך וועל זיין אויף גאַנצע נעכט; כ'וועל נעמען מיין עסן און עס דיר אַוועקגעבן; כ'וועל זיין מיט דיר אין שפּיטאָל; **כ'בין גרייט צו ליידן אַלע צרות אויף דער וועלט, אבי אַז פאַר דיר זאָל זיין גוט!**

ווען אידישע קינדער געפינען זיך אין גלות און גייען נעבעך דורך אַזעלכע יצר הרע'ס און מכשולות מיט געפערליכע זאַכן. ווער ליידט? **אודאי ליידט דער איד, אָבער דער רבוש"ע ליידט נאָך אַסאַך מער דערפון!** דער רבוש"ע זאָגט: דער סוף וועט זיין אַז איר גייט תשובה טון, דעמאָלט וועט איר זיין נאָך העכער, און **דערפאַר לוינט זיך מיר דורכצוגיין די אַלע צער כביכול!**

אָט דאָס איז אַ שירה! ווען מ'קוקט אויפ'ן גאַנצן בילד, ברענגט עס אַרויס ביים אַ מענטש אַ מורא'דיגע קרבת אלקים און אַ טיפע געזאַנג פון שירות ותשבחות.

## חיצוניות'דיגע הצלחה בגשמיות און ברוחניות

כדי אַז מ'זאָל קענען אַריינעמען אָט דעם יסוד טיפער אין דער נשמה, דאַרף מען טוישן דעם בליק **וויאַזוי מיר קוקן אָן דעם באַגריף פון הצלחה** אין אונזער לעבן.

די גשמיות'דיגע וועלט פון 'עולם הזה' איז אַגאַנצן צייט מסביר פאַר'ן מענטש, **וואָס הייסט דאָס הצלחה און וואָס מיינט אַז מ'האָט מצליח געווען.** די גוי'אישע וועלט קוקט אָן אַז הצלחה באַדייט די דריי זאַכן: **געלט, כבוד און תאוה.** וויפיל מער דער מענטש האָט דערפון, הייסט עס אַז ער האָט מער מצליח געווען.

וויאַזוי קוקט אַ איד אויף הצלחה? אויב ער קוקט דערויף מיט אַ חיצוניות'דיגע בליק, דעמאָלט איז ער טאַקע נישט מחשיב כבוד וואָס קומט ממש פון גשמיות, אָבער זיין הצלחה איז פון טאַפּעדיגע רוחניות'דיגע זאַכן. ער קוקט זיך אָן ווי אַ מוצלח, ווען ער איז **מסיים מסכתות,** אָדער ווען ער האָט באַקומען **אַ שטעלע פון הרבצת תורה.** ווער רעדט נאָך אַז דער מענטש האָט **נחת פון די קינדער,** קוקט ער דאָס אָן ווי אַ געוואַלדיגע הצלחה. ער האָט בליעה"ר אַוועקגעשטעלט 'בניך כשתולי זיתים סביב'.

## די אמת'ע הצלחה איז אין אַ אידישע הארץ

דער אמת איז אָבער, אַז יעדע הצלחה וואָס מ'קען זען און אָנטאַפּן בפּועל, איז דאָס פון די קלענערע הצלחות, **אויב מ'קען עס בכלל אָנרופן הצלחה...** די אמת'ע הצלחה - וואָס דערפאַר איז מען געקומען אויף דער וועלט, און דערמיט קען אַ מענטש אַרויפקומען אויבן אין הימל, און דורכדעם קען דער איד ווערן אַ 'בית המקדש' - זענען **די שטילע הצלחות וואָס די אַרומיגע מענטשן ווייסן בכלל נישט דערפון און מ'קען עס נישט זען.**

רוחניות וואָס יענער קען זען, איז נישט די אמת'ע תכלית, ווי דער חובת הלבבות איז מבאר אין זיין הקדמה, אַז דערפאַר איז אַזוי וויכטיג דער 'חובת הלבבות', ווייל **די עיקר הצלחה איז תלוי אינעם האַרץ פון אַ איד,** וויפיל יראת שמים ער האָט; וויפיל ביטול ער שפּירט צום רבוש"ע; וויאַזוי ווענדט ער זיך צו השי"ת בשעת אַ נסיון.

די ריכטיגע הצלחה איז, ווען אַ איד גייט דורך אַ שוועריגקייט און ער רעדט זיך אויס מיט אַן הכנעה צום רבוש"ע: "**דו ווייסט בעסער וואָס איז גוט פאַר מיר! אַלעס וואָס דו טוסט האָט אַ חשבון,** קל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא".

## די גאולה ווערט געבויעט דורך גלות

ווען אַ מענטש טראַכט אַזוי און שפּירט אַזוי, **דעמאָלט איז ער אַ 'בית המקדש' סאָרט איד!** ער האָט די הרגשים וואָס די לויים האָבן פּרובירט מעורר זיין בשעת מ'האָט מקריב געווען אַ קרבן. **ער האָט די כפרת עוונות און די הרגשה וואָס מ'האָט געהאַט אין בית המקדש,** אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער און איך וויל זוכה זיין אים צו דינען.

אַזעלכע סאָרט הרגשים ווערן אויפגעבויעט **דוקא דורך דעם גלות.** די אַלע יסורים, די עונשים, די צרות און אַלע אַנדערע סאָרט צמצומים, **דאָס שטופּט דעם מענטש און ס'איז אים מכריח צו האָבן הכנעה, און דאָס איז אַ שירה!** דערפאַר ווערט תשעה באב אָנגערופן 'מועד', ווייל די מצבים ברענגען דעם מענטש צוביסלעך צו נצחיות!

ס'איז טאַקע דאָ אַ געוואַלדיגע הסתרה, ווי דער **ירושלמי** זאָגט (סנהדרין פ"י ה"ב): **אין לך שעה קשה בעולם מאותה שעה שנאמר בו 'ואנכי הסתר אסתיר פּני'** - דאָס איז די שווערסטע צייט אין דער וועלט. אָבער **דוקא פון דעם הסתרת פּנים קומט אַרויס די שענסטע זאַך,** וואָס מיר האָבן נישט קיין השגה דערינען.

## דערהערן די גאולה וואָס ליגט אין די אבילות

ווען מען זעט וויאַזוי אידן זיצן אויף דער ערד און וויינען אויפ'ן גלות און אויפ'ן חורבן, קען מען דאָס אָנקוקן אויף צוויי וועגן. מ'קען עס אָנקוקן אַזוי אָנגעזעצט: "קוק, דער מצב איז אַזוי ביטער". אָדער קען מען עס אָנקוקן פּונקט פאַרקערט: אויב מ'האַלט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר נאָכ'ן חורבן און אַ איד קען זיצן אויף דער ערד און לאָזן אַ טרער אויפ'ן ביהמ"ק, **האָסטו יעצט געזען גאולה!** האסט יעצט געזען אַז די נשמה פון אידן איז חי וקיים!

ווען אידן אין גלות פירן זיך אויף אמת'דיג ערליך טיף פון אינעווייניג; ווען ס'איז דאָ אַ געלט סכסוך און אַ איד איז מוותר אויף אַ סכום געלט, ווייל "אויב ס'איז נישט מיינס וויל איך עס נישט האָבן", זעסטו וויאַזוי **דוקא פון אַ מחלוקת האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ טיפער חלק פון דעם איד.** ווען נישט די פּרשה אַז איינער זאָל אים אָפּטון מיט געלט זאַכן, וואָלט קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען פון אים אַזאַ טיפער איד! **גלות קוועטשט אַרויס פון אַ מענטש טיפע חלקים וואָס ברענגען אים אַ געוואַלדיגע גאולה.**

> **יעדעס מאָל וואס אַ מענטש איז זיך מתגבר, איז דאס נצחיות'דיג!**

# ובנה אותה בקרוב בימינו: דאָס בית המקדש ווערט געבויעט מיט אונזערע טאָג-טעגליכע נסיונות

## די עיקר איז: וואו ליגט דיין האַרץ?

ס'איז דאָ אַ באַקאַנט וואָרט וואס די וועלט זאָגט, אויף דער הלכה אַז יוה"כ בייַנאַכט זאָגט מען 'ברוך שם' מיט אַ הויכן קול, ווייל מיר זענען דומה צו די מלאכים. אָבער ביי מעריב פון מוצאי יוה"כ זאָגט מען עס שוין שטיל, ווי געווענליך אַגאַנץ יאָר.

לכאורה וואָלט געדאַרפט זיין פאַרקערט. יוה"כ בייַנאַכט ווען דער מענטש קומט אין שול, זייענדיג זאַט און פריש פון די סעודות וואָס ער האָט געגעסן, **איז ער נאָכנישט אין דער מדריגה ווי אַ מלאך**. אָבער מוצאי יוה"כ ווען מ'האָט אָפּגעדאַוונט אַגאַנצן טאָג, מ'האָט געפאַסט און תשובה געטון און געזאָגט אַזויפיל מאָל וידוי, **איז מען דאָך לכאורה אָנגעקומען צו די שפּיץ איידלקייט און ריינקייט**. הערשט דעמאָלט וואָלט מען געדאַרפט זאָגן 'ברוך שם' בקול רם, יעצט איז מען ווי אַ מלאך!

נאר - זאָגט די וועלט - אַז ס'ווענדט זיך וואו דער קאָפּ פונעם מענטש געפינט זיך. ערב יוה"כ איז ער טאַקע זאַט, אָבער **אויף וואָס קוקט ער יעצט אַרויס?!** ער ווייסט אַז ער גייט יעצט אַריין אין אַ הייליגן טאָג. זיין קאָפּ ליגט אים אַז מ'גייט תשובה טון! ווידעראום, מוצאי יוה"כ, איז ער טאַקע אויסגערייניגט פונעם תענית און די תפלות, אָבער ליידער קען אַמאָל זיין אַז אינמיטן דאַווענען מעריב טראַכט מען שוין פונעם אויספאַסטן... דער קאָפּ ליגט אינעם עסן. נו, אַ מלאך איז ער שוין נישט...

## מ'דאַרף האָבן דעם 'לב ירושלים'

דער רעיון וואָס ליגט אין דעם וואָרט איז: ווען דו ווילסט אָנקוקן אַ מצב, קוק עס נישט אָן לויט ווי ס'זעט אויס פון אינדרויסן. **זיי זיך מתבונן וואָס טוט זיך אינעווייניג, אין דעם מענטש'נס מח און האַרץ.** בלויז די פּנימיות שטעלט אַוועק ווער דער מענטש איז, אויב ער איז אַ מלאך אָדער אַ מענטש.

דער חורבן בית המקדש איז געקומען טראָצדעם וואָס אידן האָבן געהאַט אַ בית המקדש; מ'האָט געהאַט קרבנות און קטורת; מ'האָט עולה רגל געווען קיין ירושלים; אַלע דרויסנדיגע זאַכן זענען געווען, אָבער טאַקע וויבאַלד ס'איז אַלעס געווען איז **דערפון געוואָרן אַזאַ סאָרט 'מצוות אנשים מלומדה'** און דאָס האָט גורם געווען אַז **ס'איז נישט געווען גענוג פּנימיות!** דערפאַר האָט מען געקענט נכשל ווערן מיט שנאת חנם און אַנדערע עבירות, ווייל דאָס פּנימיות איז נישט געווען ווי ס'דאַרף צו זיין.

אָבער אין גלות, טראָצדעם וואָס ס'קוקט אויס מורא'דיג צעבראָכן, אידן גייען דורך אַזויפיל ברוחניות ובגשמיות, השי"ת זאל אָפּהיטן, אין לך יום שאין קללתו מרובה מחבירו, אָבער **וואו איז דאָס האַרץ און דער מח? אונזער הארץ וואַרט און האָפט אויף משיח!** אידן קוקן אַרויס צו זיין גוט און ווערן נאָנט צו השי"ת. ווען דאָס איז דער מצב, דעמאָלט זענען אידן ווי מלאכים, **און דאָס ברענגט נאָך אַביסל גאולה, און נאָך אַביסל גאולה, ביז מ'וועט אינגאַנצן אויסגעלייזט ווערן!** מ'דאַרף קענען אָנקוקן אַלע שוועריגקייטן און פאַרשטיין וואָס דאָ פּאַסירט בפנימיות.

## יסורים ברענגט אַ 'ברוך שם' בקול רם

ס'איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע לשון אין ספר **מכתב מאליהו**, וואו רבי **אליהו דעסלער** זצ"ל שרייבט אַז ווען אַ מענטש גייט דורך יסורים - אויב זאָל ער נאר נישט זיין אַ שטאַרקער עקשן, וואָס האַלט זיך דוקא אַן אין זיין טעות - וועט ער אויסטערליש דערהויבן ווערן דערפון.

דער מכתב מאליהו זאָגט דאָרט, אַז ס'איז **אַ 'דבר בדוק ומנוסה'**, אַז אויב דער מענטש לאָזט זיך אָפּ פון דעם עולם הזה, וועט זיין אַז **'כנגד זה מופיע לעיניו אור האמת'**. דער מענטש וועט זוכה זיין צו זאַכן וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געגלייבט אַז ער קען דאָרט אָנקומען, **'דברים למעלה מהדרגתו'!** ווייל יסורים קענען זייער שטאַרק אויפהייבן אַ איד. ס'קוועטשט אַרויס פון אים זיינע טיפסטע חלקים, און **דאָס בויעט אַ 'ברוך שם כבוד מלכותו' בקול רם**, אַז ער זאָל ווערן דערהויבן ווי אַ מלאך. מיר דאַרפן זיך פּשוט לערנען צו מעסטן הצלחה אויפ'ן ריכטיגן אופן.

## אַ געווין פון האָפענונג

דאָס געווין וואָס מיר וויינען תשעה באב בייַנאַכט איז אַ געווין פון אַ געוואַלדיגע האָפענונג. אַזויווי דאָס געווין פון יעקב אבינו אויף יוסף הצדיק. **אויב מ'וויינט אַזוי לאַנג איז אַ סימן אַז די זאַך לעבט נאָך**, ווייל אויף אַ מת קען מען נישט מתאבל זיין מער ווי י"ב חודש. אויב זענען אידישע קינדער שוין מתאבל צוויי טויזנט יאָר ליגט דאָ אַ געוואַלדיגע תקוה.

ווען אַ איד קוקט אָן דעם לעצטן דור פון עקבתא דמשיחא קען ער דערהערן: דער רבוש"ע האָט אונז געברענגט אַזעלכע נסיונות, מיט אַזויפיל שוועריגקייטן, **אָבער קוק וואָס פאַראַ סאָרט לעכטיגע אידן קומען אַרויס דערפון! ס'טוט זיך דאָ אַזאַ הצלחה!** ווען איך וויין, איז פּשט אַז איך וועק אויף דעם באַהאַלטענעם 'בית המקדש' וואָס ליגט דאָ. דערווייל איז עס בהסתר אָבער אידן ברענגען דאָס אַרויס פון באַהעלטעניש אַז ס'זאָל זיין באופן נגלה. די יסורים מאַכן אַז ס'זאָל דאָ אַרויסשפּראָצן די כוחות פון אַ איד בנגלה!

## אָפּגעהאַלטן דעם חורבן אויפ'ן היינטיגן טאָג

די **גמרא** דערציילט אין מסכת גיטין (נו, א) אַז רבי צדוק האָט געפאַסט פערציג יאָר אַז דער חורבן זאָל נישט אָנקומען, און ער איז געוואָרן דערפון גאָר אָפּגעשוואַכט, אַזוי ווייט אַז ער האָט נישט געהאַט קיין כח צו עסן געהעריג.

פרעגט דער הייליגער תפארת שלמה: **וואָס איז געשען מיט די אַלע תעניתים?** רבי צדוק האָט געפאַסט פערציג יאָר, און? **למעשה איז דאך יאָ געקומען אַ חורבן.** פאַרוואָס דערציילט די גמרא די מעשה, וואָס איז לכאורה אַ שטאַרקע דורכפאַל?

נאר, זאָגט דער תפארת שלמה אַ מורא'דיגע תשובה: **דו מאַכסט אַ גרויסן טעות. דו דערהערסט נישט די באַדייט פון הצלחה.** יעדן טאָג וואָס רבי צדוק האָט געפאַסט, האָט ער געבעטן אַז 'היינט' זאָל נישט קומען דער חורבן, און ער האָט ווירקליך גע'פועל'ט! **יענעם טאָג איז טאַקע נישט געקומען דער חורבן.** רבי צדוק האָט מיט זיינע תעניתים ממשיך געווען אַזאַ אור, וואָס האָט למעשה אָפּגעהאַלטן דעם חורבן טאָג נאָך טאָג, במשך פערציג יאָר. וואָס וועט זיין שפּעטער? דאָס איז שוין נאָך אַ חשבון וואָס אידן דאַרפן דורכגיין.

דער תפארת שלמה פירט אויס אַז דאָס איז אַ געוואַלדיגע חיזוק פאר יעדן איד. ווען אַ מענטש דאַוונט צום רבוש"ע אויף אַ ישועה, **זאָל ער נישט מאַכן קיין חשבונות אויפ'ן עתיד**, אַז איך וויל אָנקומען און דערגרייכן דאָ אָדער דאָרט. דאַוון צום רבוש"ע אַז "היינט זאָל איך ניצול ווערן פון דעם יצר הרע, היינט זאָל איך קענען זיין אַן ערליכער איד", אַזויווי רבי צדוק האָט געפאַסט אַז היינט זאָל נישט קומען דער חורבן.

## די גאולה פון אַ תפלה אין דעם טונקלקייט

עס שטייט דאָ אין תפארת שלמה זייער אַ טיפע דערהער: ווען אַ איד ווייסט נישט וואָס גייט זיין בעתיד, ער האָט נישט קיין מושג וואָס דער סוף וועט זיין, אָבער ער איז מתפלל: "רבוש"ע, היינט זאָל איך קענען היטן די אויגן. היינט זאָל איך האָבן הכנעה פאַר דיר. היינט זאָל איך זוכה זיין צו קענען מקיים זיין מיין שליחות. געב מיר סייעתא דשמיא פאַר'ן היינטיגן טאָג". **האָט דער איד יעצט געמאַכט גאולה!** ווייל בלויז די תפלה כשלעצמה איז גאולה!

אויב דו טרעפסט זיך אין אַ מצב פון חושך, און דו ביסט מכיר אַז דו ביסט בלויז אָנגעוויזן אין סייעתא דשמיא, דו ביסט מכיר אַז דו דאַרפסט אָנקומען צום רבוש"ע יעדע סעקונדע. דו האסט אַ פּראָבלעם און דו רעדסט צום רבוש"ע מיט אַ ביטול: "העלף מיר אַז יעצט זאָל איך קענען זיין ערליך. איך ווייס אַז יעדע סעקונדע וואָס איך גיי נישט האָבן דיין סייעתא דשמיא וועל איך דורכפאַלן". **איז דאָס אַליין די גרעסטע הצלחה!**

ס'איז נישטאָ קיין העכערע און מער ריינע זאַך דערפון, **ווען אַ מענטש געפינט זיך אין מצבים פון חושך, און ער פירט זיך ווי אַ איד, יעדן טאָג באַזונדער.** מאָרגן איז אַ פרישער טאָג און ער וועט דעמאָלט נאָכאַמאָל מתפלל זיין, ווי **חז"ל** זאָגן: יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו. אויב ס'וועט קומען אַ נייע טאָג פון חושך **וועט מען נאָכאַמאָל דאַווענען אַז היינט זאָל איך האָבן אַ גאולה.** רבי צדוק מיט זיינע תעניתים האָט מצליח געווען, און דו מיט דיינע תפלות גייסט אויך מצליח זיין!

ווען דער מענטש פאַרשטייט אַז דער רבוש"ע מאַכט טונקל, כדי אַז איך זאָל טראַכטן מיט די ריכטיגע מהלך המחשבה; כדי אַז איך זאָל דאַווענען ריכטיג, דעמאָלט ווען דאָס געשעט **נעמט דער מענטש נאָך אַביסל חושך און ער דרייט דאָס איבער צו ליכטיגקייט.** אַזויווי מ'זאָגט ביים דאַווענען 'יוצר

אור ובורא חושך', דער רבוש"ע האָט באַשאַפן דעם כח אַז אַ איד זאָל קענען איבערקערן נאָך אַ שטיקל חושך צו אור, און נאָך אַ שטיקל חושך צו אור, **דאָס איז אַ שירה!** ווייל די צער ברענגט אַ גאולה.

### יסורין ברענגען אַרויס דאָס זיסקייט פון אַ איד

די **גמרא** זאָגט (ברכות ה, א) אַז ביי זאַלץ שטייט דאָס וואָרט 'ברית', און ביי יסורים שטייט דאָס וואָרט 'ברית'. **מה ברית האמור במלח - מלח ממתקת את הבשר, אף ברית האמור ביסורין - יסורין ממרקין כל עוונותיו של אדם.**

די נאַטור פון זאַלץ איז, אַז ס'האָט דעם כח צו אַרויסשלעפּן און אַנטפּלעקן דעם זיסן טעם וואָס ליגט אינעם פלייש. אויב מ'לייגט נישט קיין זאַלץ בלייבט דאָס פלייש טרוקן, נאר נאָכדעם וואָס מ'לייגט דערויף זאַלץ, ווערט עס באַ'טעמ'ט צום עסן. דאָס זעלבע איז מיט יסורים, **עס שלעפּט אַרויס דעם איד פונעם איד...** ס'איז מכריח דעם מענטש אַז ער זאָל ווערן נאָנטער ווערן צום רבוש"ע. ער זאָל מכיר זיין אַז גאָרנישט קען אים נישט העלפן, נאר איין באַשעפער אויף דער וועלט. דאָס ברענגט חיים מיט נצחיות פאַר'ן מענטש. **עס ברענגט אַרויס זיין אינערליכע זיסקייט** אַזויווי די כח פון זאַלץ.

אויב מ'וועט פּרובירן צו עסן זאַלץ מיט אַ לעפל, איז דאָס אַזוי ביטער אַז מ'קען עס נישט אַריינעמען אין מויל. דוקא ווען מ'נעמט די זאַלץ און מ'לייגט עס אַריין אין אַנדערע מאכלים, דעמאָלט קען די זאַלץ אַרויסברענגען אַלע סאָרט גוטע טעמים.

דאָס זעלבע איז ווען מ'קוקט אָן די יסורים אַליין, איז דאָס זייער ביטער און מ'קען זיך נישט קיין עצה געבן דערמיט. אָבער אויב די יסורים זענען אַריינגעלייגט ביי אַ איד, און דער איד **גייט דאַווענען מיט די יסורים**, ער פּראַוועט **אַ שבת אין דעם מצב פון יסורים**, ער לערנט אַ **'תורה שלמדתי באף' מיט די יסורים**, דעמאָלט זעט מען **וואָס די זאַלץ קען אַלס אַרויסברענגען פון דעם מענטש!** וואָס פאַראַ קאָלירן און טעמים שלעפּט דאָס אַרויס פון זיין פּנימיות! מענטשן וואונדערן זיך: וואָס איז געשען מיט אים?

### יסורים צוזאַמען מיט אַ איד מאַכט חידושים נפלאים

אַסאַך מאָל טרעפט מען אַ חבר און מ'וואונדערט זיך: **כ'קען אים דאך פון ישיבה!** ער איז נישט געווען דער ערגסטער בחור, אָבער ער האָט נישט געהאַט אַזויפיל טיפע רעיונות און חידושי תורה. **קוק ווי ער לעבט מיט אַ חיות דקדושה!** ער האָט אַזויפיל אין זיך! ווען האָט דאָס פּאַסירט?

די נשמה פון אַ איד איז זייער באַהאַלטן. אויב מ'גייט צו דערצו אָן קיין זאַלץ, זעט מען טאַקע נישט די טעם אין אים. אָבער **ווען מ'לייגט צו אַביסל יסורים, הייבט דאָס אָן אַרויסשלעפּן מחשבות פון חידושי תורה, הרגשים פון תפלה**, און עס שלעפּט אַרויס אַ גאַנצע בית המקדש פון דעם איד.

ווען מ'קוקט אויף אידן, און מ'זעט נאר די חלק פון דעם צער וואָס זיי גייען אַריבער, איז דאָס אַזויווי מען עסט זאַלץ מיט אַ לעפל. מ'קען אפילו נישט טראַכטן וואָס ביטערע יסורים יענער גייט אַריבער. **אָבער דער רבוש"ע האָט נישט באַשאַפן די זאַלץ פאַר'ן תכלית אַז מ'זאָל עס עסן אַליין.** די יסורים געבט מען פאר אַ איד אַז ער זאָל מצליח זיין, **אַז ס'זאָל מאַכן פון אים אַ טיפער איד וואָס איז דבוק צום רבוש"ע מיט אַ חיות.** ווען אַ מענטש וועט בלויז זיך נישט מתנגד זיין דערצו, ער וועט נישט זיין קיין בועט ביסורין, נאָר ער וועט פּרובירן צו דינען השי"ת מיט די יסורים, דעמאָלט וועט דאָס אַרויסשלעפּן פונעם איד אַזעלכע טיפע כוחות!

ווען דער מענטש דערהערט דעם יסוד, **קוקט ער אָן דעם גאַנצן גלות אַנדערש.** אפילו ווען ער וויינט, **אויב ס'איז אַ געוויין פון געגועים** און פון אַ טיפע דערהער וואָס דער איד האָט געשפּירט, דעמאָלט שלעפּט עס אַרויס באַהאַלטענע כוחות פון דעם איד. **ס'מאַכט אים איידעלער.** ס'מאַכט אים העכער. ס'מאַכט אַז ער זאָל ווערן אַן אַנדערער סאָרט מענטש.

ג

## שתרחמינו עוד בגלותי לגאלינו; די גאולה פון אַ איד ליגט אין זיין פּריוואַטע גלות

### די צער אין מדבר האָט געבויעט אַן 'אהבת כלולותיך'

מ'זעט דאָס אין די פּסוקים, אַז ווען מ'קוקט צוריק אויף די שווערע תקופות וואָס אידישע קינדער זענען דורכגעגאַנגען, ווערט נתברר למפרע אַז **אידן זענען געוואָרן נייע מענטשן, דוקא אַדאַנק די מצבים וואָס זיי זענען אַריבער.** ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה ב, כ): כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה.

אידן זענען געווען אין מדבר אָן קיין וואסער, נישט וואוסנדיג ווען דאָס גייט זיך ענדיגן. **ס'איז אַריבער אַ יאָר נאָך אַ יאָר און מ'קומט נישט אָן.** ס'איז נישטאָ קיין בנינים, ס'איז נישטאָ קיין נאָרמאַלע עסן און טרונקן, ס'איז זייער אומבאַ'טעמ'ט.

לאָמיר זיך פארשטעלן היינטיגע צייטן, ווי שווער ס'איז **ווען אַ מענטש דארף וואַרטן אַ האַלבע שעה אין טראַפיק.** אָדער נאָך אַרגער, ער האָט געדאַרפט פאָרן מיט אַ פליגער, ער איז שוין געשטאַנען מיט די פּעקלעך גרייט, און **פּלוצים מעלדט מען אַז ס'איז געווען אַ דילעי.** יעצט דאַרף ער וואַרטן לאַנגע שעות ביז'ן קומענדיגע פליגער. דער מענטש האָט אַ שטאַרקע צער אַז מ'האָט דאָ סתם פאַרפּאַטשקעט צייט, ער ווערט זייער ברוגז, ווייל ער וויל שוין גיין ווייטער.

ווען אידן זענען געווען אין מדבר האָבן זיי נישט געזען קיין שום תועלת פון דעם צער פון וואַרטן אַזויפיל יאָר. **אָבער וואָס איז למעשה אַרויסגעקומען דערפון? אהבת כלולותיך!** יעדן ראש השנה חזר'ט מען איבער די פּסוקים וויאַזוי דער רבוש"ע זאָגט: איך געדענק וויאַזוי דו ביסט מיר נאָכגעגאַנגען בארץ לא זרועה, **דעמאָלט זענט איר געוואָרן 'בית המקדש אידן'!**

### אַ לעבן פון זיין אָנגעוויזן אויף השי"ת

דורך די שוועריגקייטן אין מדבר האָבן אידן זיך אויסגעלערנט **צו קענען נאָכגיין דעם רבוש"ע אָן קיין חשבונות.** אַז דער ענן וועט זאָגן צו גיין - וועט מען גיין. אַז דער ענן וועט נישט זאָגן - וועט מען בלייבן. דאָס האָט אויפגעבויעט ביי אידן אַ טיפע געפיל פון בטחון. זיי זענען געוואָרן 'השלך על ה' יהבך'דיגע אידן. ווען אַ מענטש האָט געפרעגט אין מדבר: "וואָס איז דער פּלאַן? ווען גייט מען ווייטער" איז די תשובה געווען: "איך ווייס נישט, אפשר אין פינף יאָר, אפשר אין צוואָנציג יאָר, און אפשר היינט... כ'האָב נישט קיין מושג, ס'איז גוט אַזוי"...

אָט אַזאַ סאָרט וועג פון לעבן במשך פערציג יאָר, האָט געברענגט אַז **דער איד זאל ווערן אַזוי אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע**, ביז ס'איז געוואָרן זיין גאַנצע מהות. אַלעס וואָס האָט פּאַסירט ביי אים אינדערהיים האָט ער גלייך געטראַכט: "דער רבוש"ע וועט שוין פירן צום גוטן. ס'איז זיכער אַלעס לטובה.

כ'ווייס טאַקע נישט וואָס גייט זיין, אָבער כ'דאַרף נישט וויסן."

דאָס איז אַלעמאָל אַזוי בשעת אַ מענטש גייט אַריבער אַ שוועריגקייט, ווען מ'קוקט בשעת מעשה זעט מען גאָרנישט. ס'קוקט אויס ווי ס'האָט נישט קיין שום תכלית, נישט רוחניות'דיג און נישט גשמיות'דיג. אָבער **ווען מ'קוקט שפּעטער זעט מען וואָס ס'איז געשען דערפון**, און וויאַזוי דער איד האָט זיך אַזוי שיין געבויעט דורכדעם.

### אינמיטן דעם גלות זעט מען גאָרנישט

מיר געפינען זיך אין אַזאַ שווערער גלות. די נסיונות זענען אַזוי ביטער, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז די חבלי משיח וועלן זיין רוחניות'דיגע נסיונות. דער מצב איז ביטער ווי גאַל און אַמאָל טראַכט מען: **וואָס איז די פּלאַן דאָ? מ'ווערט דאָך בלויז נידריגער און די נסיונות ווערן נאר ערגער?** וויאַזוי גייט דאָס ברענגען אַ גאולה? וויאַזוי וועט משיח קענען קומען?

די תירוץ איז אָבער, אַז מיר קענען גאָרנישט זען בשעת מעשה. **בלויז שפּעטער, ווען מ'קוקט אויף צוריק, זעט מען וויאַזוי די גרעסטע טונקלקייט ברענגט אַ גאולה.**

### די תקומה פון אידישקייט נאָכ'ן חורבן

איינער קען מסביר זיין וויאַזוי די שרעקליכע צווייטע וועלט מלחמה האָט אויפגעבויעט אַ אידישקייט וואָס אין אַסאַך געביטן איז עס נאָך בעסער ווי ס'איז געווען פאַרדעם? **איינער קען דאָס פאַרשטיין?**

ווען אידן זענען דורכגעגאַנגען די מלחמה

וואָס דאַרפן מיר יאָ טון? תמים תהי' עם ה' אלקיך!

יאָרן איז געווען באמת אויס-וועלט. ס'איז דאך אוממעגליך דאָס צו מסביר זיין מיט ווערטער. זיי האָבן געליטן אַזעלכע יסורים וואָס מ'קען נישט מעלה זיין על הדעת, אָבער למעשה האָט **דורכדעם אַרויסגעשפּראָצט אַזעלכע כוחות פון מסירת נפש ביי אידישע קינדער**, וואָס די כוחות האָבן צוריק אויפגעבויעט אַ וועלט. בעפאָר די מלחמה איז ליידער געווען אַסאַך זאַכן וואָס האָבן נישט געטויגט. גרויסע חלקים פון דער יוגנט זענען נעבעך געפאַלן און האָבן זיך דערווייטערט. נאָך די מלחמה האָט זיך דאָס ב"ה אָפּגעשטעלט. צדיקים האָבן איבערגעפלאַנצט אידישקייט מיט הייליגע קהלות פון תורה מיט יראת שמים.

וויאַזוי האָט דאָס פּאַסירט? ווייל **די שמע ישראל וואָס אידן האָבן געזאָגט אונטער די טונקלסטע אומשטענדן** האָט אַרויסגעקוועטשט אַזאַ טיפע חלק פון דעם איד וואָס האָט שפּעטער באַלאַכטן די וועלט! בשעת מעשה קען מען נישט פאַרשטיין וויאַזוי דאָס פּאַסירט, אָבער ווען אידן פּירן זיך אַזוויוי אידישע קינדער דאַרפן זיך פירן, שלעפּן זיי דורכדעם אַרויס נאָך אַביסל גאולה און נאָך אַביסל גאולה, אַזוי בויעט זיך אַ בית המקדש צוביסלעך.

## יעדן טאָג, אַ שטיין צום בית המקדש

מ'דאַרף געדענקן די ווערטער פון דעם תפארת שלמה אַז **יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש איז זיך מתגבר, איז דאָס נצחיות'דיג!** דאָס לייגט צו נאָך אַ שטיין צום בית המקדש. אויב אין דעם טיפסטן מצב פון חושך מאַכט דער מענטש אַ החלטה אַז "אין דעם היינטיגן נסיון גיי איך אַוועקלויפן און זיין אַ איד". ער איז מתפלל: "רבוש"ע העלף מיר, אַז כ'זאָל היינט זיין ערליך, כ'זאָל קענען לערנען, דאַווענען און זיין אָפּגעהיטן". **איז ער יעצט מוסיף גרויסע שטיקער בית המקדש!**

מיר מוזן דאָס דערהערן. אויב דו דרייסט זיך אַרום מיואש, טראַכטנדיג: "אַזוי איז דאָס, אַלע זענען אַזוי, אַלע ווערן נכשל, דער מצב ווערט נאר ערגער, יעדן טאָג מיט ערגערע נסיונות, די וועלט ווערט מער אָפּן". **דעמאָלט האָסטו פאַרפעלט די גאַנצע נקודה** פאַרוואָס דער רבוש"ע האָט געמאַכט די אַלע נסיונות.

אָבער אויב יעצט, אין דעם מצב פון 'ארץ לא זרועה', גייסטו האָבן אַן אהבת כלולותיך: "רבוש"ע איך בין דיינס, העלף מיר". אויב דו טראַכסט נישט וועגן דעם עתיד, דו ביסט מקיים 'תמים תהיה עם ה' אלקיך', דו דאַוונסט און דו טוסט וואָס דו קענסט יעצט טון אויף דער מינוט, **האָסטו דורכדעם באַשאַפן נאָך אַ שטיין אין בית המקדש כפשוטו ממש.** דאָס בויעט אַ גאולה, ווייל דאָס שלעפּט אַרויס אַזעלכע טיפע חלקים פון דעם נפש פון אַ איד.

## לעתיד לבא וועט זיך אַנטפּלעקן דאָס בילד

ס'שטייט פון **צדיקים** (חידושי הרי"ם און אנדערע) אַז אַלע גלות'ער וואָס אידן זענען אַריבער, וועט אָפּגעשריבן ווערן אין דער תורה, פּונקט ווי די מ"ב מסעות וואָס אידן זענען דורך אין מדבר.

די תורה האַלט זיך אינמיטן שרייבן. יעצט בשעת מעשה קען מען נישט פאַרשטיין, אָבער **ס'וועט קומען דער טאָג וואָס מ'וועט אַלעס זען קלאָר.** ווען אַ מעלער מאָלט אַ בילד מאַכט ער צווערשט שוואַרצע און ווייסע ליניעס אויף אַלע זייטן, מ'זעט גאָרנישט אינטערעסאַנט: "קענסט מיר זאָגן וואָס ער מאַכט דאָרט?". די תשובה איז, אַז **דו וועסט באַלד זען.** ווען ס'וועט זיך צאַמקומען אַלעס, וועסטו זען אַ הערליכע בילד.

## געהאָפּט צו הצלחה און באַקומען הצלחה

פונקט ווי דער יסוד איז אמת לגבי דעם גאַנצן כלל ישראל, איז עס אויך נוגע פאַר יעדן יחיד באַזונדער.

דער איד האָט געהאַט אַ פּלאַן אויפצושטעלן אַ משפחה, צו האָבן נחת, און בעז"ה אַליין שטייגן און מצליח זיין מיט תורה וגדולה און קרבת ה', אָבער **אינמיטן האָט דער רבוש"ע אים געפירט אינגאַנצן ערגעץ אַנדערש.** ער האָט נישט קיין מושג וואו מען טראָגט אים פון הימל: "וואו גיי איך דאָ?".

ער האָט נפילות ברוחניות, ער מוטשט זיך מיט די קינדער, און **ער טרעפט זיך פאַרנומען אָן קיין ישוב הדעת.** דאָ לויפט ער צום דאָקטער, דאָ לויפט ער צום באַנק, דאָ לויפט ער צו אַ מומחה, דאָ האָט ער אַ קינד וואָס ער זעט נישט קיין שום מהלך וואָס צו טון ווייטער מיט אים. דער איד זאָגט: "רבוש"ע, כ'האָב דיר געוואָלט ברענגען נחת. כ'האָב דיר געוואָלט אויפשטעלן אַ 'לגיון של מלך'. כ'האָב געוואָלט מאַכן פאַר דיר תורה, תפלה, קדושה. וואו האָסטו מיך דאָ אַריינגעפירט? איך טרעף זיך סתם לעשן פייערס אַגאַנצן טאָג"...

דער אמת איז אָבער, אַז דו **ווייסט נישט וואָס הייסט הצלחה.** אברהם אבינו הייסט ביי דיר אַז ער האָט מצליח געווען? **אברהם אבינו האָט געהאַט אַ לעבן פול מיט נסיונות.** דאָ האָט ער לאַנגע יאָרן נישט געהאַט קיין קינדער. דאָ האָט ער שוין יאָ געהאַט אַ קינד, ישמעאל, איז געווען אַ גאַנצע פּרשה ווען ער האָט זיך געמוטשעט מיט צער גידול בנים. דאָ האָט ער נישט געהאַט קיין פרנסה און ער האָט געדאַרפט אַנטלויפן קיין מצרים. **דאָס איז אברהם אבינו** וואָס איז געווען אַ שטיק דביקות אין דעם רבוש"ע.

## צדיקים זענען געוואַקסן דורך די שוועריקייטן

מענטשן האָבן געוויזן מיט די פינגער אויף אברהם אבינו: "ער איז אן אַכציג יעריגער איד און ער האָט נאָכנישט קיין קינדער"... שפּעטער האָט מען געוויזן: "קוק וואו ער שלעפּט זיך אַרום מיט זיין ישמעאל נעבעך"... ער האָט געהאַט אַן ערשטע ווייב און נאָכדעם אַ זיווג שני... ס'איז לעבעדיג... דאָס איז אברהם אבינו!

**טייל נישט איין פאַר'ן רבוש"ע וואָס הייסט הצלחה...** הייב אן פאַרשטיין אַז **זאַכן וואָס זענען חיצוניות'דיג, אפילו אויב ס'איז דברים רוחניים, איז נישט קיין הצלחה.** בכלל נישט! קוק אויף די צדיקים אין אַלע דורות וועסטו זען אַז מען מעסט נישט לויט דעם קיין הצלחה.

## ס'לוינט זיך אַלעס פאַר דאָס ביסעלע ליכטיגקייט

דער גלות לערנט אונז אָט די נקודה. דער גלות זאָגט אונז: **דו זעסט נישט וואָס טוט זיך אינעווייניג. לאָז דעם רבוש"ע פירן זיין פּלאַן.** אויב דער גלות האָט אַרויסגעקוועטשט פון דיר אַ טרער פון תשוקה צום רבוש"ע, **האָסטו עס געמאַכט!** אויף דער נידריגער וועלט ביסט געווען אַן אמת'ער ערליכער איד! ווען די נסיונות האָבן אַרויסגעקוועטשט פונעם מענטש אַן התגברות, אָדער אַן אמת'ע בטחון זיך צו פאַרלאָזן אַז השי"ת גייט מיך העלפן, אָדער אַ שמחה בעת צרה אַז ב"ה איך בין אַ איד. **אָט די אַלע זאַכן זענען אמת'ע הצלחה!**

דער כלל איז 'מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך', - 'הרבה מן החושך' איז טייטש אַז **ס'איז כדאי פאַר'ן רבוש"ע אַ גאַנצע היפּך פון חושך, כדי צו אַרויסקוועטשן פון דאָרט אַ 'מעט מן האור'.** ווייל דער חושך בלייבט נישט אויף אייביג, אָבער דאָס קליין ביסל ליכטיגקייט איז אַ נצחיות, און אַלעס איז כדאי געווען דערפאַר! דאָס איז גילטיג אויף אַלע סאָרט מצבים און צער וואָס אידן גייען אַריבער.

## די ריווח פאַר השי"ת פון קינדער וואָס גליטשן ל"ע

איינס פון די שוועריגקייטן וואָס ברענגט די טיפסטע סאָרט צער, איז דער גרויסער נסיון וואָס דער רבוש"ע איז ליידער מנסה אַזויפיל אידן, אַז ס'איז דאָ קינדער וועלכע זענען נישט זוכה צו שפּירן אַ טעם פון אידישקייט און תורה, און **צוליב די גרויסע נסיונות פאַלן זיי אַוועק מיט מכשולות און ערגערס ה"י.** די עלטערן דאַרפן נעבעך צוקוקן ווי זייערע לעכטיגע קינדער, וואָס זענען ביז נישט לאַנג צוריק געזעסן און געלערנט פלייסיג, ווערן מער אָפּגעקילט און מער דערווייטערט. אַנדערע טוישן זיך דעם לבוש, און אַנדערע האָבן שוין אינגאַנצן אַראָפּגענומען דאָס קאָפּל ל"ע. מ'קען דאָך דאָס נישט אויסהאַלטן. ס'איז אַזאַ חושך וואָס צערידערט דעם מענטש, ווי די **גמרא** זאָגט שוין (ברכות ז, ב): **קשה תרבות רעה בתוך ביתו של אדם יותר ממלחמת גוג ומגוג.** מ'קען זיך נישט פאַרשטעלן דעם שרעקליכן צער.

אָבער **ווי טייער איז ביים רבוש"ע די תפלה פון אַזעלכע עלטערן!** ווי חשוב איז ביים אויבערשטן ווען אַזעלכע עלטערן האָבן די שטאַרקייט צו אָנגיין ווייטער און זאָגן: "דער אויבערשטער ווייסט וואָס ער טוט, איך וועל אים ווייטער דינען. **איך ווייס נישט קיין חשבונות פון הימל. איך ווייס נישט קיין סודות פון גלגולים. איך ווייס נישט די סוף פון דער מעשה.** איך גיי פשוט ווייטער דינען דעם רבוש"ע, איך דאַנק דיר באַשעפער פאַר אַלעם".

**לויט די חשבונות פון השי"ת האָט זיך דאָס געלוינט!** לויט אונזערע חשבונות זיכער נישט, ווייל מיר האָבן נישט קיין וועג וויאַזוי צו מעסטן די זאַכן, מיר קענען דאָס נישט תופס זיין. אָבער **פאַר'ן רבוש"ע איז עס אַ געוואַלדיגע הצלחה, אויב אַ איד וואָס געפינט זיך אין אַזאַ מין טיפע צער, איז זיך מחזק מיט בטחון און אמונה,** ער טוט וואָס מ'דאַרף טון, ער איז מקיים דעם 'השלך על ה' יהבך', און ער גיבט אפילו אַ גוט וואָרט פאר אַ צווייטן. טראָצדעם וואָס ער גייט אַריבער אַזויפיל סאָרט צער מיט בזיונות דערפון, לאָזט ער נישט אָפּ זיין באַשעפער: "ס'איז נישט ווי איך האָב געפּלאַנט, איז נישט". **אָט דער איד איז אַ געוואַלדיגע הצלחה לויט די חשבונות פון דעם רבוש"ע.** און לעתיד לבא גייען מיר קלאָר זען, נאָכדעם ווען אַלעס וועט זיך צאַמקומען, אַז דאָ איז געווען אַ מעשה פון הצלחה!

ס'איז אַ פּחד, אָבער **אַזוי אַרבעט עס מיט די הימלישע חשבונות.** אַזוי איז געווען ביי אברהם מיט ישמעאל, אַזוי איז געווען ביי יצחק מיט עשו. די אבות הק' זענען נתנסה געוואָרן מיט דעם נסיון, און אויך שפּעטערדיגע צדיקים האָבן געהאַט דעם נסיון.

## אַ לעבן פון עבירות מיט אַ הימלישן חשבון

די **גמרא** פאַרציילט (עבודה זרה יז, א) אַז רבי אלעזר בן דורדיא האָט געזינדיגט אַגאַנץ לעבן, אָבער אין זיינע לעצטע מינוטן איז ער נפטר געוואָרן מיט תשובה, און רבי האָט געזאָגט ׳יש קונה עולמו בשעה אחת׳. עס שטייט פונעם **אר״י הק׳** אַז דאָס איז געווען די נשמה פון יוחנן כהן גדול, וואָס האָט אַגאַנץ לעבן געדינט השי״ת אָבער ביים סוף האָט ער פוגם געווען, **דערפאַר האָט די נשמה געדאַרפט אַראָפּקומען אויף אַזאַ אופן**, אַז אַגאַנץ לעבן זאָל עס זיין פאַרבלאָנדזשעט גאָר ווייט, און דוקא די לעצטע סעקונדע זאָל עס צוקומען צו תשובה. **דאָס איז געווען די תיקון פאר דער נשמה.** די נשמה האָט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט בלויז פאר דעם תכלית!

מיר קענען דען פאַרשטיין די צער וואָס די שכינה האָט געהאַט פון רבי אלעזר בן דורדיא׳ס עבירות? דאָס איז אָבער די שירה פון האזינו! **דער רבוש״ע זאָגט: דאגה נישט וועגן מיין צער, בסדר? איך וועל זיך אַן עצה געבן.** איך וועל נעמען די צער אויף מיר, ווייל כ׳האָב דאָ אַ מהלך וואָס איך דאַרף טון יעצט! איך דאַרף אַז אַ איד זאל תשובה טון נאָך פופציג יאָר זינדיגן מיט עבירות. מאַך מיר נישט מיינע חשבונות. איך וועל נעמען די צער מיט די בזיונות אויף מיר. דו זאָלסט מיר נאר ווייטער דינען אָן קיין שאלות.

אַ בשר ודם קען דאָס נישט משיג זיין, ווייל מיר לעבן אין דעם צמצום פון ׳זמן׳. **וואָס דאַרפן מיר יאָ טון? תמים תהי׳ עם ה׳ אלקיך!** אַזוי ברענגט מען נאָך ליכטיגקייט און מען בויעט אויף נאָך אַביסל בית המקדש, ווייל מען גייט מיט אַ תמימות נאָכ׳ן רבוש״ע.

ד

# זאת אשיב אל לבי על כן אוחיל; די מורא׳דיגע נחת רוח אין הימל פון גלות׳דיגע מסירת נפש

## דער סאָלדאַט וואָס איז מעכב ביאת המשיח

דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה״ק רבי **ישכר דוב** זי״ע, איז אַמאָל געווען אין דער שטאָט וויען אויף אַ שבת. פרייטאָג צונאַכטס האָט ער געהערט אַז אין ביהמ״ד זיצט אַ אידישער סאָלדאַט און לערנט פלייסיג מיט אַ געוואַלדיגע זיסקייט און מיט אַ קול תורה אַגאַנצע נאַכט.

ווען דער בעלזער רב האָט אים געפרעגט פון וואו ער קומט, האָט דער סאָלדאַט דערציילט אַז ווען מ׳האָט אים גענומען אין מיליטער האָט ער זיך זייער געזאָרגט אַז ער וועט דאַרפן מחלל שבת זיין. דעריבער **האָט ער מתפלל געווען אַז אויב ער וועט גראַטעוועט ווערן פון חילול שבת, וועט ער אַוועקגעבן דעם גאַנצן שבת פאַר׳ן רבוש״ע.**

פאַרציילט דער סאָלדאַט: ״מיין תפלה איז ב״ה נתקבל געוואָרן. מ׳האָט מיך אויפגענומען צו באַדינען אַ גרויסן שר אין דער מיליטער, וואָס ער האָט מסכים געווען מיר צו געבן אורלויב יעדן שבת, מיט׳ן תנאי אַז די אַנדערע זעקס טעג פון דער וואך וועל איך משלים זיין אויך די אַרבעט וואָס כ׳וואָלט געדאַרפט טון אום שבת.

״איך האָב דאך צוגעזאָגט פאַר׳ן רבוש״ע, אַז אויב ער וועט מיר געבן דעם זכות צו קענען היטן שבת, גיי איך אים אַוועקגעגעבן דעם גאַנצן שבת. **דעריבער בין איך טאַקע מקדיש די גאַנצע 24 שעה פונעם שבת צו לערנען און דאַווענען**, אַלץ הכרת הטוב אַז דער רבוש״ע האָט מיר געגעבן דעם שבת חוץ לדרך הטבע״.

ווען דער בעלזער רב האָט געהערט די האַרציגע ווערטער האָט ער זיך אָנגערופן: ״יעצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס משיח איז נאָכנישט געקומען. צוליב אַזעלכע סאָרט אידן קומט נישט משיח...״. דאָס הייסט, אַז דער רבוש״ע וויל נאָכנישט ברענגען די גאולה, ווייל **ער וויל נאָך באַקומען דעם געוואַלדיגן תענוג און מתיקות פון אַזעלכע אידן וועלכע דינען אים מתוך החושך.** דער רבוש״ע וויל נישט כביכול מוותר זיין אויף די אמת׳דיגקייט, אויף די דביקות, אויף די יחוד קוב״ה ושכינתיה וואָס געשעט פון אַזאַ סאָרט עבודה.

## די גאולה וואָס ליגט אין דעם גלות

צומאָל קען מען טראַכטן ווען מ׳הערט אַזאַ וואָרט פון בעלזער רב, אַז ס׳איז געזאָגט געוואָרן בלשון צחות, ווייל אויב איז דאָס טאַקע אַזוי בפשטות, דעמאָלט וואָלט אפשר בעסער געווען אַז דער איד זאָל נישט לערנען, כדי נישט מעכב צו זיין ביאת המשיח...

די סיבה פאַרוואָס מיר קענען טראַכטן אַזוי, איז ווייל **מיר פאַרשטייען נישט אַז משיח געפינט זיך שוין דאָ אין גלות ביי אידן וואָס דינען דעם אויבערשטן אויף אַזאַ אופן!** דאָ אין גלות זענען פאַרהאַן ׳בית המקדש אידן׳, וואָס זייער עבודה איז אַזוי חשוב פאַר׳ן רבוש״ע, נישט בלויז אַזויווי אַ בית המקדש, נאָר **נאָך אַסאַך חשוב׳ער ווי אַ בית המקדש!** אויף אַזוי ווייט אַז דער רבוש״ע דערלייגט גאָרנישט ווען ער ברענגט נאָכנישט די גאולה.

אַזאַ סאָרט מעשה איז דען געווען נאר אַמאָל ביים בעלזער רב? **וויפיל אידן זענען דאָ היינטיגע צייטן וואָס טוען די זעלבע זאַך פאַר׳ן רבוש״ע?** ס׳מוז דען זיין אויף די זעלבע צורה פונקטליך פון אַ אידישער סאָלדאַט? **היינט איז אויך דאָ אַזעלכע אידן וואָס האָבן געדאַרפט מחליט זיין מיט מסירת נפש: ״איך גיי זיי אַן ערליכער איד!״**, זיי האָבן זיך געבעטן צום רבוש״ע: ״אויב דו וועסט מיר העלפן זיין ערליך, וועל איך זיך אַוועקגעבן פאַר דיר. כ׳וועל זיך מוסר נפש זיין. כ׳וועל לערנען און דאַווענען און העלפן אַנדערע. אויב דו וועסט מיר העלפן וועל איך העלפן אַנדערע״. **דאָס איז דער בית המקדש וואָס שפּראָצט אַרויס פון די נשמה פון אַ איד!** דאָס איז די אמת׳ע ׳ולירושלים עירך ברחמים תשוב׳. מ׳דאַרף דאָס נאר וויסן, בשעת מען געפינט זיך אין אַ נסיון.

**היינט איז אויך דאָ אַזעלכע אידן וואָס האָבן געדאַרפט מחליט זיין מיט מסירת נפש: ״איך גיי זיי אַן ערליכער איד!״**

## מקבל זיין באהבה דעם מצב - דאָס איז דיין בחירה

מ׳דאַרף געדענקן אַז **יעדער מענטש האָט במשך זיין לעבן צוויי סאָרט נסיונות:** איין מין נסיון איז ווען דער מענטש האָט די מעגליכקייט צו אויסוועלן: ״איך גיי יאָ טון, אָדער איך גיי נישט טון״. ווען ער איז בוחר בטוב איז אים נישט לייכט. ער גיבט אַוועק אַ שטיק נשמה און רצון. אָבער ער זאָגט: ״איך גיי טון וואָס איז ריכטיג ווייל אַזוי דאַרף מען טון״. ווען אַ מענטש טוט דאָס איז ער מגלה זיין נשמה און ס׳ווערט לעכטיג ביי אים. דאָס ברענגט אַ שטיק גאולה.

דאַן איז דאָ אן אַנדערע סאָרט נסיון. דאָס זענען **אַזעלכע נסיונות וואָס דער מענטש קען באמת נישט טוישן.** ער קען נישט בייטן דאָס מציאות און בוחר זיין בטוב. **דער מצב איז וואָס ס׳איז.** די אַרבעט פון דעם איד איז נישט צו טון עפּעס דערוועגן, אָבער **ער האָט יאָ דעם נסיון צי ער זאָל עס אָננעמען באהבה!** ער האָט אן אויסוואַל, צי ער זאָל מקבל זיין דעם מציאות און דאַנקן דעם אויבערשטן דערפאַר און זיך מתבונן זיין אַז דאָס איז די בעסטע זאַך פאַר אים. צי ער זאָל ח״ו אַריינגעפאַלן אין אַ יאוש און עצבות.

אויב דער מענטש איז בוחר בטוב, ער נעמט עס אן ריכטיג באהבה, **לעבט ער בית המקדש׳דיג!** ער האָט דאָ געזאָגט פאַר׳ן רבוש״ע: ״איך האָב גענומען דיין גלות, און די צער וואָס דו האסט מיר געשיקט, און כ׳האָב עס גענוצט אַז ס׳זאָל פאַר דיר ברענגען אַ נחת רוח״.

ווען אַ איד גייט דורך די אַלע סאָרט נסיונות ברוחניות ובגשמיות, **ווער ס׳ליידט דערפון דאָס מערסטע איז די שכינה הק׳!** אָבער טאָמער דער איד נוצט עס אויס לטובה, זאָגט די שכינה: ״זעסטו, ס׳האָט זיך מיר אַלעס געלוינט״. די מלאכים האָבן מציע געווען פאַר׳ן רבוש״ע אַז ער זאָל בכלל נישט באַשאַפן אַ מענטש מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען. אָבער דער אויבערשטער האָט געזאָגט: ״ניין, כ׳וויל יאָ ברענגען דעם צער און דעם גלות. פאַרוואָס? ווייל אויב דער איד וועט זיך מתגבר זיין אין דעם חושך, וועט זיין אַזויפיל בעסער פאר מיר און פאַר אים״. אָבער אויב דער מענטש שלאָפט און כאַפּט נישט וואָס טוט זיך, האָט טאַקע די שכינה אַ צער

בחנם. **די שכינה האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם גלות לטובתך**, אָבער דו נוצט נישט אויס דעם מצב ריכטיג.

## סופו לקיימה מעושר

**חז"ל** זאָגן (אבות ד, ט): 'כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר'. די טייטש פון 'עוני' איז **ווען דער מענטש האָט נישט אַלע אַרומיגע מעגליכקייטן צו קענען מקיים זיין די תורה**, אָבער ער טראַכט צו זיך: איך גיי נישט יעצט וואַרטן און זאָגן אי"ה ווען כ'וועל האָבן געלט, אי"ה ווען אַלעס וועט שטימען, דעמאָלט גיי איך בלי נדר זיך זעצן לערנען...

אויב מ'זאָגט אַזוי, דעמאָלט קען מען נישט ממשיך זיין קיין שפע פון עשירות מיט השפעות, ווייל **דערווייל לערנסטו נישט!** ס'איז דאָ מענטשן וואָס פאַרפּאַטשקענען אַגאַנץ לעבן מיט אַזעלכע חשבונות: **"יעצט בין איך אַביסל געדרוקט אין געלט, אָבער בלי נדר...**" ווי די באַקאַנטע מימרא וואָס מ'הערט אַסאַך: "ס'איז דאָ אַ געוויסע דיעל וואָס כ'וואַרט אַז ס'זאָל דורכגיין. נאָכדעם וועל איך געבן צדקה, נאָכדעם וועל איך קובע זיין עתים לתורה, נאָכדעם וועל איך אַלעס טון"... דערווייל וואַרט ער נאָך...

## הייב אָן מיט דאָס ביסל וואָס דו קענסט יאָ

חז"ל זאָגן אונז אָבער פאַרקערט: **לאָמיר זען וויאַזוי דו ביסט מקיים די תורה 'מעוני'!** לאָמיר זאָגן אַז אפילו ווען דו האסט נאָכנישט די אַרומיגע געברויכן, אפילו ווען דו האסט נאָכנישט קיין חברותא, אפילו ווען זאַכן קלאַפּן נאָכנישט, זאָלסטו מחליט זיין: **"וואָס קען איך יאָ טון אין די יעצטיגע אומשטענדן?"** און דו זאָלסט אין דעם מצב דינען דעם רבוש"ע. דעמאָלט וועסטו דורכדעם אַליין ממשיך זיין אַלעס גוטס! **מ'וועט דיר צושטעלן פון הימל נאָך כלים און נאָך בעסערע אומשטענדן צו קענען דינען דעם רבוש"ע בהרחבה.** אַזוי זענען חז"ל מבטיח און דער חשבון איז זייער פּשוט: אויב אַ מענטש שטייט און וואַרט, און טוט גאָרנישט, דעמאָלט אויסערדעם וואָס **ער גלייבט נישט אַז השי"ת קען אים העלפן**, ווייל ער דאַרף זען וויאַזוי ס'שטימט פון אַלע זייטן, אָבער חוץ מזה, **האָט ער דאָך נישט דעם זכות** אַז ס'זאָל נמשך ווערן צו אים שפע.

## שובו אלי – אפילו מיט אַביסל

דאָס איז בעצם דער ויכוח צווישן כלל ישראל מיט'ן רבוש"ע. אידישע קינדער זאָגן **'השיבנו ה' אליך ונשובה'** – דו רבוש"ע הייב אָן. אָבער דער אויבערשטער זאָגט: **'שובו אלי ואשיבה אליכם'** – אַז איר וועט קומען ערשט וועל איך שוין משלים זיין, **אָבער ערשט קום צוריק צו מיר!** נאָכדעם וועט שוין זיין 'הבא ליטהר מסייעין אותו'. פרעגט דער מענטש: אָבער וויאַזוי וועל איך אָנקומען? זאָגט דער רבוש"ע: **הייב אָן גיין, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה.**

דער רבוש"ע זאָגט פאַר אברהם אבינו: **לך לך וכו' אל הארץ אשר אראך.** דו הייב אָן גיין, אָן וויסן וויאַזוי און וואו דו וועסט אָנקומען, אָן האָבן די אַלע מעגליכקייטן אָנצוקומען. **הייב אָן צו טון און איך וועל דיר שוין ווייזן דעם וועג.**

אַ איד געפינט זיך אין גלות אַרומגענומען מיט פּראָבלעמען, ער דאַרף אָנקומען צו הילף פון אַלע זייטן און ער זאָגט: "רבוש"ע אויב דו וועסט מיך אַרויסנעמען פון דאָ, וועל איך דיר דינען". זאָגט אים דער אויבערשטער: **בסדר, אָבער דו הייב אָן גיין.** איך וועל דיר שוין נאָכדעם ווייזן אַ ישועה. קודם הייב אָן צו לערנען וויפיל דו קענסט אין דעם מצב, הייב אָן דאַווענען, **קענסט זיך נישט קאָנצענטרירן? האָב אינזין כאָטש איין ברכה פון שמונה עשרה!** קענסט נישט טון גמילת חסדים אויף אַלע זאַכן? טו כאָטש איין סאָרט חסד, אין דעם מצב וואו דו געפינסט זיך. **עפּעס קענסטו טון יעצט? דאָס הייב אָן צו טון!** אַזוי וועט זיין 'סופו לקיימה מעושר'. דאָס וועט ממשיך זיין אַז דו וועסט עס קענען שפּעטער מקיים זיין בהרחבה גדולה.

## אַ לעבן פון קרבת אלקים אין דעם גלות

דער רבוש"ע וואַרט אַז אידן זאָלן לעבן ריכטיג. דאָס מיינט אַז אפילו ווען ס'איז געווען אַן עבירה, **אפילו ווען מ'ווייסט נישט וואָס ס'גייט זיין ווייטער, האָפט מען צום רבוש"ע**, מ'דאַווינט אַז ער זאָל מיך העלפן, מ'פאַרשטייט אַז ס'איז דאָ אַ סיבה פאַר די אַלע זאַכן. **יעדן טאָג הייבט מען נאָכאַמאָל טון תשובה אין דעם מצב וואו מ'איז**, יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, אָבער מען פּרובירט צו פאַררעכטן און צו לעבן ריכטיג אין דעם יעצטיגן מצב. **אַזאַ איד געפינט זיך אין בית המקדש!**

אין בית המקדש איז אויך געווען פּראָבלעמען. מ'האָט געדאַרפט ברענגען אַ קרבן חטאת מיט אַ קרבן אשם פאַר לא תעשה'ס, און אַ קרבן עולה פאַר הרהור הלב און ביטול מצוות עשה, **פאַר וועמען האָט מען געדאַרפט די אַלע קרבנות אויב נישט פאַר אידן וואָס זענען דורכגעפאַלן?** ס'איז אויך געווען נסיונות מיט פּראָבלעמען, אָבער מ'האָט געלעבט ריכטיג. לעבן ריכטיג איז פּשט אַז **אפילו אויב מ'האָט געטון אַן עבירה האָט מען געהאַט הכנעה פאַר'ן רבוש"ע.** מ'איז געקומען אין בית המקדש און מ'האָט געזאָגט דעם אמת, מ'האָט זיך מתוודה געווען און געברענגט אַ קרבן. **מ'האָט געלעבט מיט'ן רבוש"ע 'אין' דעם פּראָבלעם.**

## דער רבוש"ע האָט אַסאַך מער צער – אָבער ס'לוינט זיך

דו גייסט דורך אַ נסיון? **רעדט מיט השי"ת דערוועגן.** זיי אמת'דיג מיט אים. **פאַרמאַך נישט דיין האַרץ מיט אַ יאוש.** פאַרוואָס זאָלסטו זיין מיואש? ווייל ס'איז דאָ גרויסע נסיונות? **דאָס אַלעס האָט אַ חשבון!** ס'איז דאָ אַ הימלישע חשבון פאַרוואָס ס'איז דאָ גשמיות'דיגע נסיונות און ס'איז דאָ אַ חשבון פאַרוואָס ס'איז דאָ רוחניות'דיגע נסיונות.

ווען אַ מענטש זאָל לעבן מיט דער הכנעה, מיט דער ביטול און מיט דעם בטחון, שרייט זיין פּנימיות אַרויס מיט אַ נאָענטקייט צו השי"ת: **"רבוש"ע, איך מאַך טאַקע מיט שוועריגקייטן, אָבער וואָס איז מיט דיר? דו האסט זיכער אַסאַך אַ גרעסערע צער!"**

צומאָל זעט מען אַז אַ פּאָרפאָלק גייט דורך אַ שווערע פּרשה, און איינער זאָגט פאַר'ן צווייטן: "יאָ, ס'איז מיר נישט לייכט, אָבער ס'מוז זיין אַז פאַר דיר איז עס אַסאַך ערגער. פאַר דיר איז עס נאָך שווערער". אַזוי זאָגט אַ איד פאַר'ן רבוש"ע: מיר ביידע זענען אין אַ צער, מיר זענען אין דעם גלות, **אָבער רבוש"ע, דיין צער מוז דאָך זיין אַסאַך גרעסער ווי מיינס, וואָס קען איך טון צו פאַרגרינגערן דיין צער?**

דער איד גיט עפּעס אַוועק פאַר'ן רבוש"ע. ער שטרענגט זיך אָן צו מתגבר זיין. ס'איז טאַקע געשען אַ מכשול, כ'האָב געהאַט אַ שוואַכע מינוט, **אָבער כ'קען ווייטער לעבן ריכטיג מיט הכנעה, מיט אַן אמת'ע תפלה און מיט בוחר זיין בטוב.** אָט אַזוי ברענגט מען גאולה, נאָך אַ שטיין און נאָך אַ שטיין.

ה

# הנה זה עומד אחר כותלינו; מיר דאַרפן בלויז געבן דעם לעצטן שטופּ

## די גאולה איז אָט דאָ, מ'דאַרף אונזער קליינע פּעולות

תשעה באב איז דער יאָרצייט פון דעם **רבי'ן פון לובלין** זי"ע. דער הייליגער חוזה האָט געזאָגט אַז אין מסכת כתובות (קיא, א) ביי דער סוגיא פון די שלש שבועות, זאָגט **רש"י** אַז איינס פון די אופנים פון דעם איסור דחיקת הקץ, איז 'שלא להרבות בתחנונים יותר מדיי', מ'זאָל נישט צו שטאַרק איינרייסן מיט תפלות אויף דער גאולה. אָבער היינטיגע צייטן - האָט דער חוזה געזאָגט בימיו - ווען **מ'האַלט שוין ממש ביים סוף, איז נישטאָ מער דער איסור** פון דאַווענען צו שטאַרק אויף דער גאולה. (אבני זכרון עמו' נב).

די פּשט דערפון איז, אַז ווען ס'איז נאָך דאָ אַ לאַנגע וועג, איז נאָך דאָ אַסאַך זאַכן וואָס דאַרף געשען און מ'קען עס נישט צויאָגן. אָבער **ווען מ'האַלט שוין אַזוי נאָענט, דאַרף מען בלויז דעם לעצטן שטופּ.** דוקא וויבאַלד מיר האַלטן שוין ממש ביים סוף. דאָס איז אַ סיבה צו געבן דעם לעצטן שטאַרקן שטופּ.

מ'קען עס זען אַסאַך מאָל ביי אַ געלט קאַמפּיין. מ'דאַרף אָנקומען צו צען מיליאָן דאָלער, אין אָנהויב מוטשעט מען זיך, מ'האַלט ביי 3-4 מיליאָן און ס'רוקט זיך שווער אַרויף. אָבער ווען מ'האַלט שוין ביים לעצטן האַלב מיליאָן דאָלער, **ווען מ'האָט שוין אָט דערגרייכט דעם ציל, דעמאָלט וואַרפן מענטשן אַריין 'יותר מכפי יכלתם'**, ווייל מ'וויל שוין זען אַז מ'איז אָנגעקומען. ס'איז שוין כמעט דאָ, און מ'קען שוין נישט וואַרטן.

אַ תלמיד פונעם **חפץ חיים** האָט זיך אַמאָל מתמרמר געווען צו אים: ס'איז שוין דורך אַזויפיל יאָר פון וואַרטן אויף די גאולה, און משיח איז נאָך אַלץ נישט געקומען. האָט דער חפץ חיים געזאָגט: **אדרבא, יעצט דאַרף מען שוין אַסאַך שטאַרקער וואַרטן!** ווייל אַז ס'איז שוין אַריבער אַזויפיל צייט, מיינט דאָס אַז מ'האַלט שוין ממש אַזוי נאָענט, און מ'קען שוין איינרייסן אַז די גאולה זאל שוין קומען.

## צוענדיגן דעם לעצטן מיליאָן...

לאָמיר זיך צאַמנעמען אַ 'כנישתא חדא' פון אידן

און טון פאַר'ן רבוש"ע שווערע זאַכן פון די יסודות היהדות. שווערע זאַכן אין גמילת חסד; שווערע זאַכן אין אהבת ה'; שווערע זאַכן אין יראת שמים, א.א.וו. **לאָמיר צוענדיגן די זאַך, ס'איז נישט אַזוי שווער.** דער רבוש"ע איז מבטיח אַז **אויב מיר וועלן עס טון מיט אן ערנסטקייט וועט ער שוין צוענדיגן.** לאָמיר זיך צאמרעדן וויאַזוי ענדיגט מען שוין דעם בית המקדש השלישי.

צומאָל איז דאָ אַ בנין וואָס מ'האָט דאָרט אינוועסטירט מיליאָנען דאָלער, אָבער ווען ס'קומט צום לעצטן שטאַפּל, שלעפּט זיך עס אַ לאַנגע צייט... **מ'דאַוונט שוין אין דעם נייעם בית המדרש די לעצטע פיר יאָר, אָבער די פענסטער זענען נאָך צוגעדעקט מיט פּלאַסטיק.** ווייל ווען דער בנין איז שוין געווען כמעט גרייט איז מען גלייך אַריינגעגאַנגען, און מ'האָט עס קיינמאָל נישט צוגעענדיגט.

ביז דער 'וועד קרן הבנין' נעמט זיך צוזאַם און מ'זאָגט: **ווילאַנג גייט מען דאָס שלעפּן?** מיר האָבן שוין באַוויזן צו שאַפן מיליאָנען און אָנקומען ביז דאָ, **דוקא דער לעצטער מיליאָן זאָל זיך אַזוי אָפּשטופּן?**

לאָמיר זיך אָנשטרענגען און ענדיגן די זאַך איינמאָל פאר אַלעמאָל.

## ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ - חברים כל ישראל

וויפיל צער זענען אידן שוין דורכגעגאַנגען! וויפיל מסירת נפש! וויפיל אינקוויזיציעס און שחיטות באש ובמים! דאָס איז זיך אַלעס מצטרף, איינס און נאָך איינס. **ווייסט וויפיל מיליאָנען מיר האָבן שוין געשאַפּט?** מ'זעט דאָך אַז מ'האַלט שוין ביים סוף. אַלע סימנים פון עקבתא דמשיחא זענען שוין דאָ. **לערן די משנה אין סוף סוטה וועסטו זען ווי יעדע זאַך איז שוין נתקיים געוואָרן.** מ'טאַפּט שוין די גאולה! אַלע צדיקים האָבן גערעדט וועגן אונזער דור אַז מיר האַלטן שוין אַזוי נאָנט, לאָמיר זיך צוזאַמרעדן: **פאַרוואָס זאָל מען ממשיך זיין מיט די נאַרישע מחלוקת?** ס'איז דאך געבויעט אויף אַזעלכע שטותים און שקרים, מ'חזר'ט איבער די זעלבע נאַרישקייטן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. מ'קען זיך נישט צוזאַמרעדן איינמאָל פאר אַלעמאָל? לאָמיר זיך צונויף רעדן און מאַכן סדר, מ'רעדט דאך דאָ פון נאָרמאַלע קלוגע מענטשן. לאָמיר שוין ענדיגן נאָך אַ מחלוקת און נאָך אַ מחלוקת, פאַרוואָס זאָל מען עס ווייטער שלעפּן?!

מ'קען שוין צוענדיגן די גאולה. צדיקים האָבן געזאָגט אַז די ריכטיגע תשובה וועט שוין זיין נאָך די גאולה, אָבער **צוערשט דאַרפן זיך אידן ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.** מיר ווייסן און גלייבן אַז מ'האַלט שוין דאָרט. אַז מ'וועט דאָס טון, וועט דער רבוש"ע אונז העלפן, מ'דאַרף בלויז זיין אַן אמת'ע 'בא ליטהר'. אויב זאָגן אונז **חז"ל** אויף יעדע זאַך אַז 'הבא ליטהר מסייעין אותו', איז דאך זיכער אַז **אויף דעם ענין פון דער גאולה וועט אודאי זיין מסייעין אותו.**

זאל השי"ת העלפן אַז מ'זאָל קענען באמת תשובה טון פון טיפעניש פון האַרץ. דער אויבערשטער זאָל אונז ליכטיג מאַכן וויאַזוי צו תשובה טון, **צו קענען טון דאָס ביסל וואָס מיר דאַרפן טון,** און מ'זאָל אינגיכן ווערן געהאָלפן מיט דער גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן.

## נקודה במחשבה

# ניסט פאַרפּאַסן דעם תשעה באב...

מתוך ס"ג דברים חזון תשפ"ד

צדיקים האָבן געזאָגט אַז **אין די זמנים פון אבילות אויפ'ן חורבן קען אַ איד ממש אויפבויען זיין שייכות מיט'ן רבוש"ע.** אין דעם טאָג פון תשעה באב איז באַהאַלטן אַזאַ לעכטיגער 'נולד בו משיח'. מ'דאַרף עס נאר אויסנוצן ריכטיג.

אַ מענטש זאל זיך מתבונן זיין: **וויאַזוי קען איך מאַכן אַז מיין מח זאל אַרבעטן במשך דעם תשעה באב, אַז כ'זאָל זיין מער בקשר מיט דעם טאָג?!** דאָס דאַרף מען טראַכטן בעפאָר תשעה באב, ווייל איינמאָל מ'פאסט שוין, איז דאָ אַ יצר הרע אַז מ'זאָל גיין שלאָפן, שטופן דעם טאָג, און וואַרטן אַז ס'זאָל אַריבערגיין. **ס'איז אַזאַ שאָד!** ס'ליגט דאָך אַ מורא'דיגער עומק אין אַזאַ זמן. **דאָס איז דער טאָג וואָס איז קעגן שמיני עצרת** (אמרי נועם ר"ח אב ושא"ס). תשעה באב איז געווען 'כרובים מעורים זה בזה'. ס'איז נאָר אַרומגענומען מיט אַ כיסוי און אַ לבוש. פאַרפאַס נישט דעם טאָג!

אַ מענטש קען זיך מתבונן זיין: מיין עבודה פון דעם טאָג וועט אַרבעטן בעסער אויף אַזאַ סאָרט אופן אָדער אויף אַזאַ סאָרט אופן? **דער עיקר איז, אַז ס'זאָל ווערן אויסגענוצט.** מ'זאָל קענען זיין מקושר מיט'ן טאָג. **אויב מ'גרייט זיך נישט פאַרדעם, ווערט עס זייער אַסאַך מאָל פאַרפאַטשקעט.** ער איז הונגעריג, דאָרשטיג, מיד, הייס, און דער טאָג איז אַריבער... אָבער דו קענסט דאָ בויען דיין שייכות מיט'ן רבוש"ע! גרייט זיך צו, טראַכט פראַקטישע חשבונות. "איך וועל לערנען מיט אַ חברותא אָדער אָן קיין חברותא. אָנהויב מיטאָג אָדער שפּעט נאָכמיטאָג, כ'וועל אויסהערן דעם שיעור אָדער יענעם שיעור". מאַך זיך אַ סדר, **וועסטו זוכה זיין צו אַזאַ מין ליכטיגקייט** וואָס דו בויעסט דערמיט די הייליגע טעג.

פונקט ווי מ'איז מתפלל חמשה עשר בשבט אויף אַן אתרוג, ווייל ווען ס'גייט אָנקומען ערב סוכות גייסטו דאַרפן האָבן אַן אתרוג. **דאָס זעלבע קען מען זיך יעצט אָנגרייטן צו האָבן סייעתא דשמיא אין די הייליגע טעג.** ס'קומט אַ חודש תשרי, און מ'קען יעצט בויען אַ שייכות מיט'ן תשרי! אַז אַ איד פרובירט וועט דער רבוש"ע אים זיכער העלפן.


פטרון החודש

נתנדב לעילוי נשמתם הטהורים
של אדמור"י בית סקולען
הרה"ק ר' אליעזר זוסיא בן הרה"ק ר' ישראל אברהם זצוק"ל - בעל נועם אליעזר
הרה"ק ר' ישראל אברהם בן הרה"ק ר' אליעזר זוסיא זצוק"ל - בעל מאור ישראל
הרה"ק ר' ישעי' יעקב בן הרה"ק ר' ישראל אברהם זצוק"ל
ולזכות ברוך צבי בן דרעזיל ומשפחתו

פטרון השבוע

נתנדב
לזכות משה שמואל
בן שרה פערל
ומשפחתו
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד לימין הנדבן החשוב
להתברך בבני חיי ומזוני רוויחי מתוך בריות
גופא ונהורא מעליא

פטרוני הפצה
בהרי האקעטסקילס

קרית ויואל משה (איחוד):
נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו
לע"נ ר' יהודה ארי' בן ר' אברהם
יום היארצייט - תשעה באב

Apple tree supermarket
נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו
לזכות את הרבים

יש להשיג הגליונות בהרי
הקעטסקילס במשך הקיץ אצל:

קרית ויואל משה (איחוד) אצל המקוה
240 Forestburgh Rd, Monticello, NY

Apple Tree Supermarket
1885 NY-52, Liberty, NY

מקוה נחלת צבי קראלי
71 Gamble Rd, South Fallsburg, NY

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ– Airmont
ביהמ"ד דאמבראוואו
ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן
ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42
ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25
ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33
ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד
ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד

קול הבינני:
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223